NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03425

IN KINDER VELT

B. Daymondshteyn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין קינדער וועלט

— פון —

באָרים דיימאנדשטיין

בילדער געצייכנט פון פּאַרפּאַסער

פּאַר די ענגלישע ווערטער איז דאָ
אין סוף ביכל א ווערטער בוך.

פאַרלאַג „פאַר קינדער“
הויפּט פאַרקויף
מ. יאנקאָוויטש, 179 איסט בראָדוויי,
ניו יאָרק

Copyright, 1927
by Boris Dimondstein
New York, N. Y.

Pinski-Massel Press, Inc.
446
84 Bowery, New York

זאַכן, חיות און פֿייגל

דרוק פעלערען

זייט 33 שורה 12 דאַרף זיך לעזען:

דו זאָלסט אים ניט זאָגען מאַ.

זייט 60 לעצטע שורה דאַרף זיך לעזען:

דאָך זיין פראַגע ניט ערקלער'ן.

זייט 73 שורה 11 דאַרף זיך לעזען:

אין הויז די מאַמע שרייט, ברעכסט די ווענט.

זייט 78 שורה 3 דאַרף זיך לעזען:

און פערדלאך צוויי, ווייס ווי ניי און פון גאָלד די צאמען.

אנשטאט אַ פֿאָררעדע

איך שרייב מיינע לידער פֿאַר קינדערלאַך קליינע
פֿאַרפּלאַנצן אין מח געדאַנקען זיי ריינע
צו פֿאָלגן אַ טאַטען, צו פֿאָלגן אַ מאַמען,
די ליבע צו ריינקייט מיט גוטסקייט צוזאַמען.

איך מאַך זיי צו טראַכטן אַביסעלע העכער
איך גיט זיי אַן גאַל און אויך האָניק אין בעכער
די ליבע צום לערער, צו זיינע געפֿילן
ווען לערנען געלערנט, ווען שפּילן זיך שפּילן.

איך זוך די מאָראַל אין דער ליד איינצופֿלעכטן,
איך ווייז זיי דעם גאַנג פֿון דעם גוטן און שלעכטן.
איך קוק און שטודיר נאָך די קינדער געפֿילן,
איך הער וואָס די קינדעלאַך בעטן און ווילן.

וואָס קינדערלאַך פֿרעגן ,וואָס קינדערלאַך זאָגן,
כ׳ווער פֿיל מאָל נ׳קינדער וועלט אַליין אויך
פֿאַרטראָגן :
ווייל איך האָב צו אַכט יאָר געטרוימט און
געשריבן,
די קינדערשע ביינקשאַפֿט אין מיר איז פֿאַרבליבן.

קיין גליק אין מיין קינדהייט האָב איך ניט געפֿונען
געטראַכט און געשפּונען, געטראַכט און געשפּונען,
אַ קינדערשער חלום אין מיר איז פֿאַרבליבן,
אַ ביסל פֿון חלום פֿאַר אייך איצט באַשריבן.

באַ אונז

באַ אונז האָט די קאַץ זיך געקעצלט
זעקס קעצלאַך האָט זי געהאַט.
צוויי שוואַרצע, אַ גרויע, אַ ווייסע
צוויי ווי די גרויסע, אַקוראַט.

זיי זיינען נאָך בלינד און זיי ניאַווקען
זוכן און שמעקן מיטן נאָז.
די קאַץ האָט זיי ליב און זי לעקט זיי,
ציצקעלאַך באַ קאַץ זיינען רויז.

קעצעלאַך ליבן די ציצקעלאַך
זיי זויגן און ציען געשמאַק,
איך זיץ פון וויטן און קוק זיך צו
ווי קעצעלאַך זויגן געשמאַק.

אוי ליב איך די קליינינקע קעצעלאַך
זיי קריכן און פויזן אַרום.
מערסטן זיי ליגן און שלאָפן זיך
מען הערט ניט קיין פּיפּס און קיין ברום.

ס'לאָזט זיי ניט רוען מיין ברודער'ל
ער וויל זיך נאָר שפּילן מיט זיי,
בייז ווערט די קעצל און בלאָזט זיך אָן
אַנטלויפט ער דאַן מיט אַ געשריי.

האָט ער שוין מורא פאַר קעצעלע
קוקן מיר ביידע און קוועלן,
און יעדן טאָג ווערן זיי גרעסער
זעען שוין, קאָנען זיך שטעלן.

לויפן ארום זיי און שפילן זיך
אוי, שפילן זיי זיך אַזוי שיין,
איך, מאַמע און בייבי, מיר לאַכן
ווי קעצעלאַך שפילן אליין.

און מאַמע ,זי וויל זיי צוטיילן
צו שיינקען נאָך היינטיקע וואָך,
איך בעט באַ דער מאַמען ניט טאָן דאָס
זאָגט זי, קעצעלע האָבן וועט נאָך...

אַ קעצעלע

איך האָב אַ קלײנע קעצעלע
שפּיל איך זיך מיט איר,
איך בינד אָן אויף אַ שנירעלע
אַ שטיקל רויט פּאַפּיר.

און קעצעלע לויפט נאָך נאָך דעם
שפּרינגט אַהין און הער,
און איך צי גיך די שטריקעלע
און קעצעלע אַרבעט שווער.

און ווערט זי מיד פון אומלויפן
לייגט זי זיך אַוועק,
מאַכט זי צו אירע אויגעלאַך
און טרייסלט מיטן עק.

טו איך אַ רוף די קעצעלע
פּוסי, פּוסי, קעט,
איך גיב איר מילך אַ ביסעלע
און קעפּעלע אַ גלעט.

מיין הינטל

איך האָב אַ קליינעם הינטעלע
אַ שייניניקען אַ קליינס,
און הערעלאַך ווי זיידענע
אין גאַנצן אַזאַ שיינס.

קוקט אויף מיר ווי לאַכנדיק
און לעקט מיר מיינע הענט,
און ליב האָב איך אים אַזוי שטאַרק
קושן אים געקאָנט.

איך האָב פאַר אים אַ שיסעלע
צו עסן גיבן אים,
און גלייכן גלייכט ער מילך אַ סך
און גלייכט אויך זיסן קרים.

איך האָב אים אויסגעלערנט שטיין
אויף זיינע הינטער־פיס,
אַ פרעמדן לאָזט ער גאָרניט צו
ער גיט גאַנץ אָפט אַ ביס.

ער ווייס די צייט ווען כ׳גיי פון סקול
און לויפט אַקעגן מיר,
באַ נאַכט ער היט מיין דאַל און מיך
און טרעט ניט אָפּ פון טיר.

שלאָף מיין דאַל

שלאָף מיין דאַלי, שלאָף מיין בייבי
אַזוי זינגט מיין מאַ,
ווען זי דאַרף מיך אויך פאַרוויגן
ווייַן ניט, וויין ניט שאַ.

איך דיר געבן אויך אַ באָטל
זיי דו שטיל און ליג,
אָט וועל איך פון דיר אָפּטרייבן
כ'זע דיר בייסט אַ פליג.

אָט וועל איך דיר גאָר פאַרדעקן
מיט'ן דינעם וועיל,
ס'איז דיר היים? וועל איך דיך אויסטאָן
גאָר אין גאַנצן הייל.

אפשר זאָל איך גאָר דיר מאַכן
גאָר אַ הייסע באָד?
אפשר ווילסטו גאָר אַ קענדי?
אָדער גאָר אַ טשאָקאָלאַד?

שלאָף מיין דאַלי, אָט אַזוי אָ
מאַך די אויגן צו,
מאַמע זאָגט, אַז בייבים שלאָפן
וואַקסן זיי אין רוה...

געקויפט האָט מיין אָנקל

געקויפט האָט מיר מיין אָנקל
געצייג אַ גאַנצן באָקס,
כ'וועל דאָס ניט באַווייזן
צו מיין ברודער מאַקס.

ווייל ער האָט אַ טבע
נעמט צו אַלץ פון מיר,
און ווילסטו אים ניט געבן
שלאָגט ער זיך מיט דיר.

איך האָב אַ זעג, אַ האַמער,
אַ הובעל האָב איך אויך,
איך האָב אַ קליינעם רולער
צו מעסטן ברייט און הויך.

אַ צוואַנג צו בייסן נעגל
און נעגל אַלערליי,
אַ פלאַן צו מאַכען הייזער
איז אויך צווישן זיי.

איך וועל אַ הויז אויפבויען
ווי אַן אמת הויז,
אַ טיר, מיט גלאָז די פענצטער,
אַ קליינטשיקעס נאָר בלויז .

איך וועל די הויז אויפבויען
אין הויף בײַ אונז פון הויז,
און וואוינען וועט מיין הונט דאָרט,
ער איז דאָך ניט קיין גרויס.

זינגסטו פֿייגעלע פֿאַר מיר

זינגסטו פֿייגעלע פֿאַר מיר,
אָדער זינגסטו גלאַט אַזוי?
אַך, ווי גוט עס מוז זיין דיר,
אין דיין נעסטעלע פֿון שטרוי.

יעדן מאָרגן קומסטו צו
צו דעם אָפֿן פֿענצטער מיין,
שטעלסט זיך באַ מיין פֿענצטערל
און דו זינגסט צו מיר אריין.

ווייס איך ניט, צי זינגסטו דאָס
איז דאָס ווערטער וואָס דו רעדסט,
זאָגסטו דאָס גוט־מאָרגן מיר,
אָדער באַ מיר עפּעס בעטסט ?

טשיר טשיר, דזשין דזשין, הו האַ הו,
ווילסטו ברעקפעסט, דאָס דו זאָגסט ?
אָ, דו שיינע פייגעלע,
שיינע פעדערלאַך פאַרמאָגסט.

קומט נאָר קינדער

קומט נאָר קינדער אַלע דאָדערט
קומט אַהער און זעט,
שטעלט זיך אַלע דאָדערט אויסעט
אויף דער לעצטער ברעט.

קוקט אַריין דאָרט טיף אין וואַסער
וועט איר זיך דערזען,
בויגט זיך נאָר ניט צופיל איבער
ס׳קאָן עפּעס געשען.

ווייל עס האָט אַמאָל געטראָפן
ווי מיר שטייען אַצינד,
האָט אַ שוואַרצע האַנט פון וואַסער
אַ כאַפּ געטאָן אַ קינד.

פילע זאָגן אַז געוועזן
איז אַ שד דאַן דאָרט,
פילע זיינען דאָרט דערטרונקען
אויף דעם זעלבן אָרט.

און פון דאַן אָן ווייסן קינדער,
און זיי היטן זיך,
אַז מען היט זיך, קאָן אַ שד
אויך ניט כאַפּן דיך...

עי פּוסי פּוסי קעט

עי פּוסי, פּוסי, פּוסי קעט —
וילסטו שלאָפן אין מיין בעט ?
טו כאַפּ די שלעכטע מויז,
זעסט, די מויז זי האָט צעביסן
נעכטן ערשט געקויפטע די קישן,
נאַ, זע, די לאָך ווי גרויס.

מאַמע מיינט איך האָב צעריסן
זיל ניט גלויבן אַז צעביסן
האָט די מויז די ציכל,
איך וועל מוזן היינט זי כאַפּן
ועל אַזוי זי שטאַרק צעקלאַפּן
מיט מיין געלן שיכל.

ביז צום טויט וועל זי דערשלאָגן
ברייגגען מאַמען זי צוטראָגן,
ועל ווייזן אַז ניט איך
האָב צעריסן נייע ציכל
אויך די ריסן אויף מיין ביכל
ואָס כ'האָב אין בעט באַ זיך .

ווי ס'ווערט האָניק

די בלומען זיינען שיין
בינען ליבן בלומען,
דערשמעקן זיי אַ בלום
פליען זיי צו קומען.

זיי עסען בלומען שטויב
דאָס איז זייער מאכל,
און פון די בלומען זאַפט
ווערט בא זיי אין בייכל

אַזאַ מין געלע זאַפט
האָניק, וואָקס טוט מען מאַכן

האָניק איז דאָך זיס
מאַכט מען גוטע זאַכן.

איינגעמאַכץ, מאָנעלאַך,
יאַדערלאַך און טאָרטן
און נאָך גוטע זאַכן,
טערטלאַך אַלע סאָרטן.

און קינדער האָבן ליב
אַלע זיסע זאַכן,
פון דעם זיסן האָניק
קאָן מען אַלעס מאַכן.

ווי מען מאַכט ברויט

ווען ווייץ, קאָרן ווערן פאַרטיק
נעמט מען זיי אין מיל אריין,
און דער מילנער דאַן צעמאָלט זיי
און מען פאַקט אין זעק זיי איין.

און מען שיקט זיי צו די קרעמער,
די קרעמער פאַרקויפן זיי,
קליינע זעקעלאַך צו די מאַמעס,
גרויסע זעק צו בעקעריי.

און מען מאַכט זיי איין אין דייזשעס,
און מען קנעט זיי גוט דאַן אויס,
דאַן ערשט לייגט מען זיי אין אויוון ,
ווען פאַרטיק, נעמט מען ארויס.

ברויט מיט פוטער עסן קינדער,
ווייל דאָס איז געשמאַק און גוט,
ס'מאַכט די קינדער שטאַרק און מוטיק,
ס'מאַכט די באַקן רויט מיט בלוט.

ווי מען בויט, ווי מען האַלט אַ הויז...

אַ הויז דאַרף מען בויען אַזוי:
מען בויט אַ פונדאַמענט פון שטיין,
פון שטיין און גראַניט און צעמענט,
דאַן בויעט מען פון ציגל אַליין.

מען שטעלט טירן, פענסטער אַריין,
מען מאַכט ווענט און צימערן שיין,
מען פלאַסטערט, מען פאַרבט דאַן זיי אויס,
אַ הויז מוז מען האַלטן אויך ריין.

אין שלאָף־צימער שטעלט מען אַ בעט,
אין עס צימער שטעלט מען אַ טיש,

אין לעז־צימער ביכער אַ שראַנק,
און שטולען, קאַמאָדן, געווים.

און בילדער מען היינגט אויף די ווענט,
ווייל דאָס גיט צו שיינקייט, געשמאַק,
אַ זייגער מוז אויך זיין אין אַ הויז,
ער ציילט אונזער לעבן טיק טאַק.

ווי מען מאַכט וואָלענע קליידער

פֿון שעפּסענע האָר מאַכט מען קליידער.
ווי טוט מען דאָס? אָט אַזוי:
מען שנייט אָפּ די האָר פֿון שעפּסעלע
און עס טוט אים גאָר ניט וויי.

און די הערעלאַך קאַכט מען איבער,
אין אַזוינע קעסטלאַך גרויס,
און ווען דאָס ווערט געדיכט און קלעפּיק,
מיט מאַשינעס גלייכט מען אויס.

דיקע, דינע, ווי מען וויל נאָר,
פֿיל מאָל וועבט מען זיי אין פֿאָדים,
און מען וועבט אויס גאַנצע שטיקער
און דער שניידער מאַכט בגדים.

און מען מישט זיי אויס מיט פֿאַרבן,
רויטע, שוואַרצע, גרינע, גרויע,
פֿיל מאָל וועבט מען אין איין שטיק אויס,
פֿעדים געלע, רויטע, בלויע.

און מען מאַכט פֿון זיי גאַרניטלאַך,
פֿאַר אינגלאַך און פֿאַר מיידעלאַך,
קויפֿן פֿאָפּעס, נייען מאַמעס,
שיינע קאָלירטע קליידעלאַך.

ענטעלאך און הון

אוי, וואָס איך האָב ערשט געזען דאָרט
ווילט איר וויסן קינדער וואָס?
אָט וועל איך אייך גלייך דערציילן
איר וועט גאָרנישט גלויבן דאָס.

אוי וועט איר דאָס קינדער לאַכן
ווייסט איר וואָס איך האָב געזען,
קליינע ענטלאך שווימען אום דאָרט
זייער מאַמע איז אַ הון.

און די ענטעלאַך שווימען אום דאָרט
און די מאַמע קאָן דאָס ניט,
רופֿט זי, קלאַפּט זי מיט די פֿליגלען
און זיי ווילן פֿאָלגן ניט.

ליפּט זי באַם ברעג אַרומעט
קאַ, קאַ, קאַקאַ, רופֿט זי זיי,
און די ענטלאַך טינקן אונטער
מיט אַ פֿריילאַכן געשריי.

עלטערן, לערער און קינדער

בעסטע פריינד

בעסטע פריינט איז טאַטע מאַמע
זאָגט דער לערער מיר ,
אוי איז לערער אַזאַ קלוגער,
אַלץ ער לערנט דיר.

ניט נאָר לעזן, שרייבן, ספּעלן
אויך ווי גוט צו זיין,
ווי צו ליבן טאַטען, מאַמען
זיך צו פירן פיין.

הייסט מיר שפּילן באָל אַביסל,
דאָס זאָגט ער איז גוט,

מאַכן עקסערסייז געזונט איז
דאָס באַוועגט די בלוט .

אַלעס דאַרף מען מיט אַ מאָס נאָר,
נאָר קיין זאַך צו פיל,
גייסטו רואיק קומסטו גיכער,
קומסטו גלייך צום ציל.

אַזוי לערנט מיר דער לערער
אַזוי זאָגט ער מיר,
אוי ווי גוט און קלוג ביזט לערער,
איך וועל פאָלגן דיר.

ווערסטו זיין א גוטע מיידל

ווערסטו זיין אַ גוטע מיידל
וועל איך נייען דיר אַ קליידל,
ווערסטו גיין צום באַל.
בלויען זייד מיט רויטע ברעגן
וואָס נאָר רייכע קאָנען. מעגען,
מיט אַ זיידן שאַל.

איך וועל קלייבן פענים, קלייבן,
שפּאָרן, שפּאָרן וואָס ס'וועט בלייבן
פון דעם פּאַפּאַ'ס פּעי...
קויפן שיך דיר אויבעט געלע
זאָקן זיידענע און העלע
און אַ העט פון שטרוי.

ניט ווי אַלע מיידלאַך

איך בין ניט ווי אַלע מיידעלאַך
שטיפן, לויפן נאָר אַרום,
איך העלף אויכעט פיל מיין מאַמען
וואו איך קאָן נאָר אומעטום.

מאַמע האָט אזויפיל אַרבעט
קאָכט און אַרבעט אָן אַ צאָל,
און זי העלפט מיר אויכעט מאַכן
מיינע לעסאָנס אויך פיל מאָל.

אַך מיין מאַמע איז אַ גוטע
איך האָב מאַמען אַזוי ליב,
אַלעם גיט זי, וואָס זי קאָן נאָר
זאָג דעם וואָרט נאָר, מאַמע גיב.

פיל מאָל זע איך ווי זי עסט ניט
און זי גיט דאָס אונז אוועק,
פרעג איך מאַמע, וואו דיין חלק?
טוט זי שנעל אַ כאַפּ אַ לעק...

אַלע מאַמעס גיבן קינדער,
קינדער דאַרפן עסן מער
פּאַפּע דיינער פיל פאַרדינט ניט
און עס פאַלט בא איר אַ טרער...

מיין בייבי שוועסטער

.1

איך האָב אַ בייבי שוועסטער
איז זי אַזוי קליין,
נאָך קלענער פון מיין דאַלי
און ווי מיין דאַלי שיין.

און שיין איז אונזער בייבי
אויגן האָט זי בלוי,
אין הויז זי מאַכט אונז פריילאַך
אַלעמען פריילאַך אַזוי.

בו, בו, בו, רעדט די בייבי
לאַכט זי אזוי שיין,
זען וואָלט איך וועלן שוין
ווי בייבי וועט אומגיין.

.2

די בייבי קאָן שוין רעדן
זי קאָן שוין זאָגן מאַ,
ווי פאַפאַ קומט אין הויז נאָר
זי רופט אים, פאַ, פאַ, פאַ.

און מיך רופט זי אויך דאַ—דע
און קאָן שוין שטיין אליין,
עס וועט שוין לאַנג נישט נעמען
און זי וועט קאָנען גיין.

חוה׳לען

חוה׳לען געגבען היינט
איר מאַמע האָט אַ סענט,
האָט איר אויך אַן עפּעלע
געגעבן אין די הענט.

איז חוה׳לע ארויס אין גאַס
צופרידן פול מיט גליק,
האָט געקויפט אַ לאָליפּאַפּ
אין הויז אריין צוריק.

האָט איר קליינע שוועסטערל
געגעבן אויך אַ לעק,
טאַנצענדיק און שפּרינגענדיק
אין גאַס צוריק אַוועק.

חוה׳לען האָט יעדער האָלט
ווייל זי איז שיין און גוט,
זי וואַשט און טוט זיך אָן אליין
אַלץ אין הויז זי טוט.

ווארום וויינסטו מאַמע אימער

ווארום וויינסטו אימער מאַמע ?
ווען דו בלייבסט אַליין באַנאַכט.
האָב איך אויך געהאַט אַ פּאַפּאַ
האָסטו אויכעט ווען גלאַכט ?

האָסטו אויכעט ווען גשלאָפן
און אין שלאָפן נישט גערעדט ?
אַך עס שרעקט מיך דיינע ווערטער
און דו וואַרפסט זיך אום אין בעט.

אַלע קינדער האָבן פּאַפּעס
גיבן מאַמעס געלט אַ סך.

ווײן ניט מאַמע, איך וועל ווײנען
זײ א גוטע, גיב אַ לאַך.

איך וועל באַ דיר מער נישט בעטן
קײנע פּענים פון הײנט אָן,
ועסטו געבן וועל איך נעמען
נאָ־מאָר בעטן, — דאָס ניט טאָן.

און די דרעסעס וועמעס זײנען
וואָס דו נײסט זײ אַלע טאָג ?
שײנע דרעסעס מאכסטו מאַמע
און קײן אײנע דיר ניט, זאָג ?..

ווידער ווײנסטו, זע די טרערן
ווײן ניט מאַמא, ווײן ניט מאַ
וואָרום זאָגסט דו מיר ניט מאַמע
האָב איך אויך געהאַט אַ פּאַ ?

און די מאַמע ווישט די טרערן
פון די אויגן אירע אויס,
און זי דריקט דאָס קינד צום האַרצן
און זי שטאַמלט שטיל ארויס :

יא מײן קינד געהאַט אַ פּאַפּע
וואָלט דיך אויכעט ליב געהאַט,
וואָלט געקויפט דיר גוטע זאַכן
און דײן קינדער האַרץ געזאַט !..

און די מוטער ווישט די אויגן
ניט באַשערט איז דיר מײן קינד,
פאַר דער צײט איז ער געשטאָרבן
פאַר דײן מאַמעס שווערע זינד...

ביסט נאָך קליין מיין קינד צו וויסן
קאָנסט נאָך קינד דאָס ניט פאַרשטיין,
שלעכט. דיין מאַמע איז געוועזן
שלעכט צו אים... צו זיך אַליין...

און דערפאַר אָ צאָל איך איצטער
טייער, טייער פאַר מיין זינד,
און דערציילן וועל איך אַלץ דיר
ווען דו גרויס וועסט זיין מיין קינד.

מאַמאַ

מאמא, ווערסטו מיך ניט שלאָגן
וועל איך עפּעס דיר אויסזאָגן,
וואָס מיר האָט געטראָפן
אויף דער פּאַפּא טאָר ניט וויסן,
ער וואָלט מיך אויף שטיק צעריסן
איך וועל גיין גלייך שלאָפן.

הער צו מאַמא זאָלסט ניט שרייען
היינט נאָר איינמאָל זאָלסט פאַרצייען,
זאָג, ווערסט מיר העלפן, מא ?
כ'האָב דעם נייעם סוט צעריסן
אוי, ווען פּאַפּא וואָלט נאָר וויסן,
דו זאָלסט אים נישט זאָגן.

פאַרריכט אים מאַמא ,אין געהיים
נאָך איידער פּאַפּא קומט אַהיים,
כאָטש שולדיק איז ניכאמע.
כ'ווייס אַז דו קאָנסט גוט דאָך נייען
ווערסט פאַרלאַטען, ווערסט פאַרדרייען
זיי אַ גוטע, מאַמע.

קינד און מוטער

קינד:

זאָג מי מאַמאַ, זאָג וואיום
וואַיום דו שיאָפּסט נאָי באַנאַכט,
און מי הייסטו שיאָפּן איצט
איע טאָג נאָי איך דאָס טיאַכט.

מוטער:

קליינע קינדערלאַך מוזן שלאָפּן
ווייל ווען מען שלאָפּט וואַקסט מען אויס,
וואַקסן הענטלאַך אויס און פיסלאַך
אַזוי אָ, וואַקסט מען אויסעט גרויס.

קינד:

ווי שע מאַמא וואַקש איך דאָש?
אַש מע שיאָפּט איש מע׳דאָך טויט!
דו געשאָקט מי אַש מע וואַקשט
ווע מען עשט אַ פּויע בעיט.

מוטער:

יע קינד, נאָכ׳ן עסן דאַרף מען רו
אז מען שלאָפט איז מען ניט טויט,
און קינדער וואַקסן ווען זיי שלאָפן
וואַקסן אין דער לייִנג און ברייט...

ווען מיין פּאַפּאַ

ווען מיין פּאַ געווען וואָלט רייך
האָבן אַן אייגן הויז,
געשפּילט וואָלט איך זיך אין דעם הויף,
געהאַלטן זיך דאַן גרויס.

איך וואָלט די קינדער פון מיין סקול
געבראַכט צו אונז אין יאַרד,
אַ פּאַרטי וואָלט איך דאַן געמאַכט
פון קייק און משאָקאָלאַד.

פּאַפּאַ האָט מיר צוגעזאָגט

פּאַפּאַ האָט מיר צוגעזאָגט,
קויפן הײַנט אַ סוטעלע
און מיט לאַנגע הױזעלאַך
און מיט געלע שיכעלאַך,
מיט אַ בלױע היטעלע.

איך װעל מיט מײַן סוטעלע
גײן ארוים אין סטריטעלע,
היטן אים ניט אײַנשמוצן,
מײַנע געלע שיכעלאַך,
װעל היטן זײ און פּוצן.

װען אַ רעגן גיסן װעט,
כ'װעל אין הויז אַרײַן ניט שפּעט
אויפהײַנגען מײַן סוטעלע
אויף דעם קלײנעם הײנגערל
אויפהײַנגען מײַן היטעלע.

װעל ניט מער ארומלויפן
אין קענדי סטאָר ניט קויפן
און פּענים אויך ניט בעטן
פּאַפּאַ װעט מיך ליב האָבן
װעט קושן מיך און גלעטן.

װעל זײן אַ דאָקטאָר

איך האָב ליב מײן פּאַפּא,
ער קױפט מיר גוטע זאַכן,
טשאָקאָלאַד און אײז־קרים
װעט מיר אַ דאָקטאָר מאַכן.

הײלן קראַנקע קינדער
געבן זײ מעדיצינען,
סטאָפּן זײ פון הוסטן
און פון די נעזלאַך ס׳רינען.

הײלן זײ פון מאָזלן
און אױך פון סקאַרלעט פיבער,
אױסשנײדן די טאַנסעלס
און סטאָפּן פּאָקן,פיבער.

געקרײנקט האָב אױף אַלעם
כ׳װױים דעם טעם אַצינדער,
װעל איך אַ דאָקטאָר װערן
הײלען װעל איך קינדער.

זאָג מיר

זאָג מיר מאַמאַ, וואו איז פּאַפּא ?
וועט ער מער ניט קומען ?
וואַרום האָבן אים די מענער
פון אונז צוגענומען ?

וואַרום האָט געוויינט די באָבע ?
וואַרום שווייגט דער זיידע ?
זע ווי אַלע זיך צעגאַנגען
נאָר מיר בלייבן ביידע.

וואַרום שווייגסטו ? וויינסט אויך מאַמאַ ?
זע ווי רויט די אויגן,
זאָג מיר מאַמע וועט מען פּאַפּען
אין א קבר לייגן.

אין קבר קינד מיינס, קיינמאָל
וועט ער זיך אומקערן,
אויף דער מוטערס בלאַסע באַקן
פליסן, גיסן טרערן.

פּאַפּאַ איז אַ בייזער

פּאַפּאַ איז אַ בייזער,
מאַמאַ אַזוי גוט.
מאַמאַ שרייט נאָר אונטער,
פּאַפּאַ שמייסט און גוט...

מאַמע איז געדולדיק,
קערן מיר אַ וועלט.
איז דער פּאַ אין הויז נאָר,
אַלץ מוז זיין צעשטעלט.

הייסט מיר לעזן, שרייבן
ווייזן מיינע מאַרקס
און צי קאָן איך ספּעלן,
דאַן מען גייט אין פּאַרקס.

און ער לאָזט נישט שטיפן,
לאָזט נישט אַ מינוט.
איז דער פּאַ אין הויז נאָר,
מוז מען זיין דאַן גוט...

פּאַפּאַ איז אַ בייזער
דאָך איך אים פאַרגיב,
כאָטש ער לאָזט נישט שטיפן,
דאָך האָב איך אים ליב.

ד ו ד ׳ ל ע ן

דוד׳לן דו געגעבן פּאַ
גיב מיר אויך אַ סענט.
הויבט אָן בעטן הערשעלע
און שטעלט אוים די הענט.

קויפן וועל איך אַ לאַליפּאַפּ
פּאַ, ניט גיי אַוועק,
אַט וועל איך עס קויפן גלייך
געבן דיר אַ לעק.

מ י ס ט ע ר

מיסטער, מיסטער, נאַ אַ סענט
גיב מיר אַ באַלון,
איך וועל אָנבלאָזן אים גרויס
לאָזן צו דער זון.

אָדער אפשר גאָר ביינאַכט
לאָזן דעם באַלון,
גיב אַ געלן קאָליר מיר
געל אַט ווי די מון.

וועט אין הימל אויסקוקן
ווי לבנה׳ס צוויי,
וועלן אַלע זיך וואונדערן
איך וועל אויסלאַכן זיי.

נאָר דער מאַמען אויסזאָגן
וועל איך נאָר אַליין
און דו מיסטער, זאָג ניט אוים
אוי וועט דאָס זיין שיין.

מיין פאפא

אוי האָב איך אַ פאַפאַ
דעם בעסטן אין דער וועלט,
און רייך איז אויך מיין פאַפאַ
האָט גאַנצע פעק מיט געלט.

און וואָס איך וויל נאָר האָבן
קויפט ער דאָס מיר גלייך,
אַך ווי גוט צו האָבן
אַ פאַפאַ וואָס איז רייך.

וואָרום?

וואָרום ליבן מאַמעס קינדער?
קינדער זיינען שלעכט,
איך אַליין בין אויך אַ שלעכטע
מאַמע איז גערעכט.

בין איך קראַנק געווען אַ ביסל
מאַמאַ האָט געוויינט,
און פלעגט זיצן בײַ מיין בעטל
כ'שטאַרב, האָט זי געמיינט...

גאַנצע נעכט פלעגט זי נישט שלאָפן
וואַכן איבער מיר,
פלעגט מיר געבן די רפואה'עס
אַלע שטונדן פיר.

פון היינט וועל איך זיין אַ גוטע
פאָלגן וועל איך איר,
ווייל קיין בעסערע פריינט ווי מאַמע
איז ניט דאָ פאַר מיר.

אַ פּ י י ט ע ר

איך וויל זיין אַ פּייטער,
זאָגט די מאַמע ניין,
פּייטערס זיינען שלעכטע
שלאָגן אויס די ציין...

מאַכן בלויע אויגן
ברעכן אויך אַ ביין,
וועסט נישט זיין קיין פּייטער,
איין מאָל קיינמאָל, ניין!

זעט זי־מיך נאָר פּייטן
מיט אַנאַנדער באַי,
האָב איך צו געדענקן
פיל איך, אוי, אוי, אוי...

צען געבאָט פאַר קינדער

ווילט איר קריגן באַקן רויטע
ווילט איר זיין ניט בלאַס,
זאָלט איר עסן ברויט מיט פּוטער
שפּילן זיך אין גאַס.

ווילט איר קאָנען לערן, שרייבן
האָבן כח, מוטה,
לייגט זיך שלאָפן אַכט אַ זייגער
רוהט זיך אויסעט גוט.

ווילסטו זיין אַ קינד אַ גוטער
פאָלג דיין פאַ און מאַ,
ווילסטו לערער זאָל דיך ליבן,
לערן זיך און שאַ!

ווילט איר האָבן ציינער שטאַרקע
שיין און ווייס ווי שניי,

עסט ניט צופיל זיסע זאַכן
יעדן טאָג וואַש זיי.

עס ניט, עס ניט אַלע ווילע
עס נאָר ווען דו ווילסט,
עסט זיך אַלעס אַפּעטיטנע
האָסט הנאה, פילסט.

שפּילט זיך, שפּילט זיך אויכעט רואיק
ווילד געשפּרונגען ניט,
זע עס זאָל קיין אומגליק טרעפן
היט זיך, היט זיך, היט.

זע די קליידער שמוץ ניט, רייס ניט
רייס ניט דיינע שיך,
ווייל דאָס מאַכט דיין פּאַפּען שווערער
צו פאַרזאָרגען דיך.

שטופּ די פינגער אין דיין מויל ניט
שטופּ ניט אין דיין נאָז,
ווייל ס׳קאָן ברענגען פיל מאָל קראַנקהייט
און עס איז מיאוס, לאָז.

קינדער, קינדער וואַשט זיך אָפטער
האַלט די הענט אייך ריין,
וועט איר אימער געזונט און שטאַרק זיין
שטאַרק און אויכעט שיין.

גוט איז קינדער וועלכע פאָלגן
יענע זיינען גוט,
ניט פאַר וועלכע, מען דאַרף האָבן
אַ בייטש מיט אַ קנוט.

ווּעסטו פאָלגן מיר

זאָג מיר מאַמע, איז דאָס אמת
וואָס דו האָסט געזאָגט,
אַז אַ פּאַפּאַ׳ס האַרצן בלוטיגט
ווען זיין קינד ער שלאָגט?

יאָ מיין קינד, דאָס איז אמת
ווייל דו ביזט זיין בלוט,
ווייל דו פאָלגסט ניט דערפאַר שלאָגט ער
ר׳מיינט קיין שלעכט, נאָר גוט!

וואָלסטו פאָלגן, זיין אַ גוטער
ניט געשטיפט אַזוי,
פאָטער ליבע, זע ער אַרבעט
פאַר דיר שווער אַזוי.

קויפט די שיכעלאך און גאַרניטלאך,
אַלץ ער קויפט פאַר דיר,
ווּעסטו פאָלגן פאַפען, מאַמען
ווּעסטו פאָלגען מיר?..

ווינטער

זאָג מיר פּאַפּא וועסט מיר קויפן
אַ שליטל זיך צו שליטלען?
איך וועל זיין אַ גוטער איינגל,
און וועל ניט שלאָגן גיטלען.

איך וועל פאָלגן אַלעם מאַמען
און וואָס זי וועט נאָר זאָגן,
איך וועל היטן אויך די בייבי
מיט קיינעם זיך ניט שלאָגן.

וועל זיך גליטשן באַרג אַרונטער
בייבי זעצן אַ הינטער,
אָך ,איך ליב די טיפע שנייען
פּאַפּא איך ליב דעם ווינטער.

גאָלדענע פישעלאַך

געקויפט האָט מיין פּאַפּא
אַ פּאָר גאָלדענע פישלאַך,
געקויפט האָט ער אויכעט
צוויי גלעזערנע שיסלאַך.

זיי שווימען ארום דאָרט
דער וואַסער איז ריין,
ווי גאָלד שיינט די וואַסער
ווי וואונדערלאַך שיין.

די לבנה

זע ווי גרויס ס'איז די לבנה,
זע נאָר פֿאַפּא, זע באַטראַכט.
זע צוויי אויגן, אַ מויל אַ גרויסער
זע, עס דוכט מיר ווי זי לאַכט.

איך האָב קיינמאָל נישט געזען נאָך
די לבנה אַזוי גרויס,
מיט אַ מויל און נאָז און אויגן
זע נאָר פֿאַפּאַ ס'איז אַ פּנים.

אויפ׳ן דאָרף

מיר פאָרן אין קאָנטרי

.1

מיר פאָרן אין דער קאונטרי,
פאַרטיק שוין צו גיין,
פּאַפּא וועט אונז באַגלייטן
ביזן סאַמע טריין.

די פּעקלאַך וועט ער ברייגגען,
אין דעם טריין אריין
און בריינגען וועט ער זונטיק
די גרויסע דאַלי מיין.

ער וועט אַליין זי בריינגען,
ניט צעברעכן זי,
אין קאונטרי וועט ער קומען,
זונטיק אין דער פרי.

מיין פּאַפּא איז פאַרנומען,
פון דער פרי ביז נאַכט.
אין זעקס טעג מאַכט ער אימער
זאָגט ער, גאַנצע אַכט...

נאָר איך קאָן דאָס פאַרשטיין ניט,
פרעג איך בא דער מאַ,
ווי קאָן פון זעקס טעג מאַכן
אַכט טעג, אַכט טעג פאַ?...

נאָר מאַמא זיפֿצט און ענטפֿערט,
איך קאָן זי נישט פֿאַרשטײן,
דו דאַרפֿסט פֿון דעם נישט װיסן,
דו ביזט פֿאַר דעם צו קלײן...

.2

אין קאַנטרי

אין קאַונטרי דאַרף מען עסן
און װערן שטאַרק, געזונט,
מען דאַרף כאָטש צו געװינען
איעדן טאָג אַ פֿונט.

מען דאַרף געזונט אָנקלײבן
פֿון קאַונטרי פֿאַר דער שטאָט,
אַזױ זאָגט מיר די מאַמע,
אױף יעדן שפּאַן און טראָט.

און איך מוז אַלעם עסן,
טרינקן מילך אַ סך.
איך בין שױן פֿעט געװאָרן
און טרינק און עס און לאַך.

.3

טאַנצן מיר אין בעט

איך בין שוואַרץ און פעט געוואָרן
פון דער זון און עסן פיל,
ווייל אין קאַונטרי עסט אַ סך זיך,
ווייל אין קאַונטרי דאָ איז קיל.

אַלע נאַכט מיר גייען טאַנצן,
מאַמא לאָזט נישט ווען ס'איז שפעט,
שלאָפן, זאָגט זי, קינדער, שלאָפן,
טאַנצן מיר דערפאַר אין בעט.

ביז זי ווערט אויף אונז אין כעס
און זי לעשט דעם פייער אויס ,
און פאַרשלעפערט אונז מיט מעשיות
פון דער קלוגער קאַץ און מויז.

4.

נעכטן

נעכטן איז די מאַמא
מיט אונז אין וואַלד אַוועק,
מיר זיינען אַזש פאַרגאַנגען
צו דעם צווייטן ברעג.

שיסלען פול מיט בערים,
אי שוואַרצע, רויטע אויך,
ניטאָ שוין וואו צו לייגן
מיט אַ ווערך שוין הויך.

און מאַמא וועט אויספּרעגלען,
סלאָיעס גרויסע, פיר,
וועט זי פאַי אונז מאַכן,
די ערשטע געבן מיר.

ווייל איך האָב איר געהאָלפן
קלייבן זיי אין וואַלד,
ווי ס'וועט פאַרטיק ווערן,
די ערשטע בין איך באַלד.

.5

נאָ מאָר

נאָ מאָר פאַר מיר, נאָ מאָר פאַר מיר,
קיין היי־ראיד וויל איך מער
און מאַמא ליגט אויך קראַנק אַצינד
זיך קוים זי גיט אַ קער.

די קישקעס און די זייטן אויך,
צעטרייסעלט און צעקלאַפּט,
אַ פּיינער פּלעזשור, קרעכצט מא,
און טאַפּט די זייטן טאַפּט...

אוי ווי, אוי ווי, דער פאַרמער בעט
אַ פינפערל דערפאַר,
און ווער עס נעמט אַ ראיד אויף היי
איך זאָג ,ער איז אַ נאַר...

הורײ...

הורײ, פּאַפּא איז געקומען
זונטיק איז דאָך הײנט ,
הורײ, האָט געבראַכט ער בלומען
און די מאַמע שײנט.

הורײ, קענדי איז דאָ אויכעט
קענדי, אַלערלײ.
הורײ, מאַמע קאָכט הײנט גוטעס
גרויסע פּאַיען צװײ.

הורײ, װעט דאָס א פּארטי זײן,
אַ פּארטי אין דער װעלט,
הורײ, הײנט זײנען אלע פײן,
מיר אָ דער הײנט געפעלט.

הורײ, הײנט איז דער לעצטער טאָג,
אין קאַונטרי זײנען מיר,
הורײ, מיר פאָרן הײנט אַ הײם,
גוד־בײ קאַונטרי דיר...

אין קאָונטרי לעבט גאָט

אין קאָונטרי איז דער הימל בלוי
כ'ליב די קאָונטרי ס'איז גרין און שיין,
באַ אונז אין שטאָט איז דער הימל גרוי
איך וויל אין שטאָט צוריק נישט גיין.

ווען ניט די סקול וואָלט איך געוויס
געליבט די קאָונטרי מער פון שטאָט,
ווייל דאָרט די לופט איז ריין און פריש
די מאַמא זאָגט אַז דאָרט לעבט גאָט.

איך ווייס ניט וואָס דאָס איז

די קוה האָט געבוירן
באַ אונז אין קאָנטרי דאָ,
אַ קעלבעלע אַ רויטס
און זי רעדט שוין, מו מו מא.

איך ווייס ניט ווי דאָס איז
איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין,
געבוירן נעכטן ערשט,
און קאָן שוין ארומגיין.

אַ ברודערל האָב איך
איז זעקס מאָנאַטן שוין,
אַ קליינינקער אַ שיינס
און קאָן נאָך אַלץ נישט גיין.

און קאָן ניט ריידן נאָך
און האָט נאָך ניט קיין ציין,
און אָט די קעלבעלע
זי קאָן שוין ארום גיין.

און דאָס קאָן זיין דערפאַר
ווייל זי האָט פיסלאַך פיר
וועל פרעגן מאַמען היינט
זי וועט דאָס זאָגן מיר.

פאַרשידענעס

גאָט זעט אַלעס

גאָט לעבט אויפֿן הימל,
מענטשן אויף דער ערד.
אַזוי זאָגט מיר מאַמע,
אַלץ ער זעט און הערט.

טוען מענטשן שלעכט וואָס,
ווייסט ער די מינוט,
און וואָס מענטשן טראַכטן,
ווייסט ער אויכעט גוט.

ווילן קינדער זאָגן ליגן
און אין סקול נישט גיין,
דאַן אַ קומט אין חלום
גאָט צו זיי אַליין.

און ער זאָגט זיי אָנעט,
ניט צו ליגן מער,
וועט איר ווידער ליגן זאָגן,
וועל באַשטראָפֿן שווער.

לעבן בוימער אייביק

זאָג מיר זיידע, לעבן בוימער אייביק ?
און שטאַרבן זיי גאָר קיינמאָל ניט.
זומער איז בא זיי דער טאָג מסתמא
ווינטער איז די נאַכט, זיי שלאָפן ?

ווי דער זומער הויבט נאָר אָן צו קומען
הויבן אָן די בוימער וואַכן,
ווי פון שלאָף זיי הויבן זיך אָן טיוכען
בליען, שמייכלען ווי זיי לאַכן .

איז ניט שיין, זאָג זיידע, ווי די בוימער
בליען, שמעקן ווי די בלומען,
עס פאַרדריסט מיר ווען די בלעטער פאַלן
ווען די קאַלטע ווינטן קומען.

מיר דוכט זיידע, וואָלט געווען ניט בעסער
אַז ווען פראָסט און שנייען שיטן,
זאָלן בלעטער איינדעקען די בוימער
ס׳וואָלט פון קעלט זיי אויסגעהיטן.

מענטשן טוען זיך אָן ווינטער וואַרים
און די בוימער הוילע וערן,
קנייטשט דער זיידע איין דעם שטערן און קען
דאָך מיין פראַגע ניט ערקלערן.

קינדער מוזן פאָלגן

הערשעלע וויל וויסן
וואָס אין לעמפּל ברענט,
און די מאַמאַ לאָזט נישט
צו ליגן די הענט.

איז איינמאָל די מאַמע
אַוועק קויפן וואָס,
איז ער צו צום לעמפּל
צו דער דינער גלאָז.

ווייס ער ניט ווי קומט מען
צו דעם פייער דאָרט,
ס'ברענט אַ דינער דרעטל
וויל ער וויסן פאָרט.

ווי ברענט דאָס דער דרעטל
ווערט קיינמאָל פאַרברענט,

און אַזוי אָ, נעמט ער
דריקן מיט די הענט.

ביז די דינע גלעזל
איז צעפּלאַצט געוואָרן,
פון די גלאָז די שטיקלאַך
איז ער בלינד געוואָרן.

איז ער אָפּגעלעגן
קראַנק אַ צייט אין בעט,
איז נאָך קראַנק אַצינדער
קוים נאָר, קוים ער זעט.

קינדער מוזן פאָלגן
וואָס די מאַמאַ רעדט,
פאָלגט מען ניט דער מאַמען
ליגט מען קראַנק אין בעט.

עניי׳ס חלום

עני איז אַ יתומה׳לע ,
האָט קיין פּאַפּען און קיין מאַמען,
זי האָט זיי אין אַ קורצער צייט,
פאַרלוירן, ביידן צוזאַמען.

איז עני די יתומה׳לע,
בּאַ דער אַלטער אָרימער באָבען
זי העלפּט איר האַנדלען אויפן מאַרק
העלפּט איר וואַשן בריקן, שקראָבן...

און פרייטאָק נאָכ׳ן בענטשן ליכט,
פלעגט פאַלן עני זייער מיד:
און ווערן איינגעשלאָפן גלייך,
נאָך דעם פרייטאָקדיקן יאַריד.

און קליין איז עני, זייער קליין,
דאַר איז זי אַט ווי אַ שפּענדל,
פון ארבעטן אַ גאַנצע וואָך,
קיין שיך, קיין קלייד, נאָר אַ העמדל.

איינמאָל אין אַ פרייטאָק נאַכט,
איר מאַ אין חלום ז'געקומען,
און האָט די קליינע ענע'לען
געקושט און ארומגענומען...

וואָס מאַכסטו קינד? זי האָט געפרעגט,
וואָס מאַכט די באָבע? אַרבעט שווער?
פון דער טויטערס לעכער אויגן
געקאַפּעט האָט אַ טרער...

זי אַרבעט שווער, איך אַרבעט אויך...
געכליפּעט האָט די קליינע ען,
ניטאָ קיין שיך, ניטאָ קיין קלייד,
און זאָט איך עס אויך זעלטן ווען...

וואָס מאַכט דער פּאַ? וואָס מאַכט ער זאָג?
און הוסט ער איצט אויך אַזוי שטאַרק?
זאָג מאַמע, קריגט מען זיך דאָרט אויך?
ווי בא אונז אויפן אַלטן מאַרק?

דאָ שעלט מען זיך, דאָ שלאָגט מען זיך,
ווי מיאוס מאַמע, אוי ווי שלעכט.
די גרויסע יענטע שילט און שלאָגט
און אימער בלייבט זי נאָך גערעכט...

נעם מיך מאַמע, נעם מיך מיט דיר,
ניט לאָז מיך מיט דער באָבען דאָ.
די באָבע אַרבעט אַזוי שווער,
און עסן זאַט איז אויך נישטאָ...

זאָג מיר מאַמע, איז דאָרטן גוט?
דו האַנדלסט דאָרטן אויך אין מאַרק?
און פּאַפּאַ שלעפּט נאָך אַלץ די זעק?
און הוסט, און הוסט נאָך אַזוי שטאַרק?

נו, זיי געזונט מיין קינדעלע,
איך מוז פון דיר איצט אַוועקגיין...

— — — — — — — — — — — —

און פלוצלונג האָט דאַן ענעלע
זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין...

באָלשעוויקעס

באָבע זאָג, דו קומסט פון האָמליע?
איז אין האָמליע גוט?
וואו איז בעסער, דאָ צי דאָרטן
און וואָס באָבע יענטע טוט?

ווארום האָסטו נישט געבראַכט זי
מיט זיך דאָ אַהער?
איז זי אויך ווי דו, אַ קליינע?
קליין ווי דו, אַזוי איך קלער.

באָבע, איז דאָרט מואוווינג פּיקטשורס
אויך פאַראַן ווי דאָ?

אָבער חיות ווי אין בראָנקס פּאַרק
איז געווים דאָרטן נישטאָ.

באָבע זאָג מיר, באָלשעוויקעס
קוקן אויס ווי דו?
אָדער ווי די ווילדע באַפּעלס
ווי בא אונז אין בראָנקס פּאַרק זו?...

האָבן זיי דעם זעלבן אויסקוק
ווי דו און ווי איך?
אָדער ווי די ווילדע מענטשן
פרעסן איינס דעם צווייטן זיך?

ווען די לערער ווערט אין כעס
שרייט זי באָלשעוויק,
באָבע נעם מיך זיי אָנקוקן
און דאַן פאָרן גלייך צוריק.

די פיש

כ'קאָן דאָס מאַמע מער ניט קוקן
לאָז די פיש אין טייך אריין,
זע זי לעבט דאָך, ווי זי וואַרפט זיך
שנייד ניט מאַמע, לאָז איר גיין.

זי האָט אויך דאָרטן קינדער
ווער וועט קוקן דאָרט אויף זיי,
שנייד ניט מאַמע, זיי אַ גוטע,
זע זי וואַרפט זיך ס'טוט איר וויי.

זיידע, ביזט אַ מערדער

זיידע ביזט אַ מערדער
קוילעסט אַלע הינער אוים
ערשט געווען אַ שטייג אַ פולע
און געבליבן זיבן בלויז...

איך וועל מער קיין הינער עסן
מעג איך הונגעריק ווי זיין,
און דיר זיידע מער נישט קושן
אין דיין הויז ניט מער אריין...

אין האָמליע

דאָרט אין האָמליע, זאָגט מיין באָבע
איז אַ שיינע וועלט.
זומער וואַקסט דאָרט בלומען, גראָז,
ווינטער שניי און קעלט.

זומער בליהען דאָרטן סאָדן
פרוכטן אלערליי,
זומער גרייט מען אָן אויף ווינטער
רואיק לעבן זיי...

פול דער קעלער, קרויט מיט פיקל
פאַר אַ ווינטער לאנג,
ווי זי רופט — פיטייטאָס, בולבעס
ציבעלעס א שטאַנג.

האָבן זיי דאָרט גרויסע הרובעס
וואַרפט מען האָלץ און ברענט.

עסט מען אָן זיך מיט די בולבעס
מען באַלעקט די הענט...

קומט אַ שבת איז דאָרט פריילאך
ליכטיק איז אין הויז,
פיש און חלה, ווײַן אויף קידוש
פּאַפּאַ קומט פון קלויז.

קומט א פסח, קומט אַ סוכות
עסט מען און מען רוט,
און מיט נים די קינדער שפּילן
איין וואָרט, דאָרט איז גוט...

דאָדערט זאָגט זי איז מען שקלאַפן
פּאַפּאַ אויך אַ שקלאַף,
ווייל ער ארבעט שבת, יום טוב
דערפאַר איז פּאַפּאַ שלאַף.

מײן בוירטדײ

מאָרגן איז מײן בוירטדעי
זעקס יאָר װער איך אַלט,
מאַמאַ מאַכט אַ קײק איצט
פּאַרטיק איז ער באַלד.

קאַפּע, טײ און קענדי
טשאָקאָלאַד אַ סך,
אָרענדזשעס און עפּעל
קלײנע קעקעלאַך.

אַלעס ליגט אין קלײטעל
אַלעס אָנגעגרײט,
באָטעלס פול מיט סאָדע
עטלאַכע דאָרט שטײט.

איך האָב אײנגעלאַדן
אַלע מײנע פרײנט,
איך געװאָלט װאָלט איצטער
מאָרגן זאָל זײן הײנט.

װאָלט געװען די פּאַרטי
טאַקע הײנט בײנאַכט...
אפשר טאַקע מאַמע
װאָלסטו איבערגמאַכט ?..

באָבעס

איך האָב צוויי באָבעס
קיין איינציקן זיידע,
די מאַמע זי זאָגט מיר
אין דרערד ליגן ביידע.

און איך בין מקנא
דער קלייניגקער דאָבע,
ווייל זי האָט דריי זיידעס
איין איינציקע באָבע.

פלי איך ווי אַ טויב

ווען איך ליג זיך שלאָפן
חלום׳ט זיך מיר גלייך,
אַז איך פלי אין לופטן
פלי איבערן טייך.

אָט פלי איך אין האַרלעם
אָט פלי איך דאַן טאַון,
אָט בין איך אין בראָנקס שוין
ווי אַן עראָ־פּלאַן.

גלייך אָט ווי אַ פויגל
ווי אַן עראָ־פּלאַן ,
פלי איך איבער דעכער
אַלע קוקן דאַן.

ווייל מען מיר נאָר כאַפּן
טו איך זיך אַ הויב,
בין איך גלייך אין לופטן
פלי איך ווי אַ טויב.

וואָס אַ פאָטאָגראַפער טוט

איך וואָלט וועלן וויסן
וואָס פאָטאָגראַפער טוט ?
הייסט מיר גלייך זיך שטעלן
און פאַרטיק, זאָגט ער גוט.

און מיר ווילט זיך וויסן
וואָס אין קעסטל איז.
בעט איך פאָטאָגראַפער
ער זאָל מיר ווייזן, פליעז.

כ׳וויים נישט ווי ער זעט מין
פאַרדעקט זיך איבערן קאָפ,
מיט אַ שוואַרצן לײלאַך
און נעמט מיך גלייך אַראָפ .

לאַכט דער פאָטאָגראַפער
צו קליין ביזטו, זאָגט ער,
דערפאַר וועל איך ניט נעמן
קיין בילדער בא אים מער.

אַבי איך האָב געמיינט

אַבי איך האָב געמיינט
אַז לידער מאַכט נאָר גאָט,
ערשט, דער פאַפּא מיינער
געמאַכט די לידער האָט.

אזי ווי שיין די לידער
זיי זינגען זיך אליין,

פיל מאָל אַזוי שפּאַסיק
און פיל מאָל מיט געוויין .

איך האָב גאָר געוואוסט ניט
אַז דיכטן פאַפּא קאָן,
כ׳זע אים אימער טראַכטן
און שרייבן מיט׳ן פען.

פּאַפּאַ וויל פֿאַרקויפֿן

פּאַפּאַ וויל פֿאַרקויפֿן
אונזער שיינע הויז,
שווער אים אויסצוהאַלטן
קאָסטן איז צו גרויס.

איך קאָן דאָס פֿאַרשטיין ניט
ער צאָלט דאָך ניט קיין רענט
ס'איז די הויז דאָך אונזערס
ווי האָט ער ניט געקאָנט ?

אַזאַ שיינע הויז דאָך
בלומען פֿיל אַרום.
וועל איך איצטער מאַמע
האָבן אויך אַ רום ?

ס'איז געווען מיר נאָענט
גלייך דאָ לעבן סקול,
און מען בויט דאָך איצטער
דאָ ניט ווייט אַ שול.

ווילסט מיר זאָלן לערנען
אידיש קאָנען דאָך,
און די ווילסט פֿאַרמופֿן
פֿון שול ווייטער נאָך.

כ'וועל קיין ניקעלס בעטן
זאָג דעם פּאַפּאַ, מאַ,
כ'וועל קיין קענדי בעטן
מאַמאַ, זאָג דעם פּאַ.

איך וועל קלייבן פּענים
וואָס דו וועסט געבן מיר,
מואווים געלט אויך קלייבן
און אָפּגעבן דיר.

אַזויפֿיל פּענים מאַמאַ
צוויי קוואָדערס יעדן טאָג,
וועט ער ניט פֿאַרקויפֿן ?
מאַמאַ, מאַמאַ זאָג ?

ווען גאָט וויינט גיסט רעגן

ווען גאָט וויינט גיסט רעגן,
אַזוי אָנקל זאָגט,
זיינע טרערן גיסן
ווען ער וויינט און קלאָגט.

און ער שפּאַלט די הימלען,
וואַרפט מיט פייער פלאַם,
און ער וויינט מיט טרערן
און מאַכט פול דעם ים.

איז דאָס גאָט אין כעס,
ווען עס דונערט שטאַרק?
און ער ברעכט די בוימער
דאָרט אין שיינעם פּאַרק!

און וואָרום זאָג וויינט ער,
פעלט אים אויך אוים וואָס?
איך קאָן דאָס פאַרשטיין ניט,
מאַמע זאָג מיר דאָס...

ד י ע ר ד

די ערד — זאָגט מיין פּאַפּאַ, — איז רונד ווי אַ באַל
און קליין ווי אַן ארבעס אַקעגן דער זון,
איך קאָן ניט פאַרשטיין דאָס, צי לאַכט ער פון מיר
די זון איז דאָך קלענער, מיר דאַכט פון דער מון.

נאָר איך גלויב מיין פּאַפּען, איך גלויב וואָס ער זאָגט.
עס קאָן זיין, איך קאָן דאָס נאָך איצט ניט פאַרשטיין,
מיין פּאַפּא ער לעזט דאָך ביכער אַזוי גרוים,
און איך קאָן קוים לעזן אַ ביכל אַ קליין.

עס רעגנט

עס רעגנט שוין אַ גאַנצן טאָג,
דער טאָג איז שוין אַוועק,
עס דונערט און עס בליצט נאָך אַלץ,
עס נעמט גאָר נישט קיין עק.

און שפּילן זיך היינט נישט געקאָנט
געוואָלט אין פּאַרק היינט גיין,
באָבע, באָבע, נו זאָג וואַרום
וואַרום איז היינט ניט שיין ?

דו האָסט אַ באָל מיר געבראַכט היינט
דער באָל איז גרויס און שיין,
אין הויז די מאַמע שרייט, ברעכט די הענט
אין סטריט קאָן איך נישט גיין.

ווען יאַנקל איז קראַנק געווען

ווען יאַנקעלע איז קראַנק געלעגן
איז געווען שטאַרק פאַרביי.
געוואָרפן האָט ער זיך אין פיבער
געהאַט איבער הונדערט דריי.

און גערעדט האָט ער אין זיין פיבער
ווערטער מאָדנע אָט אַזוי,
גערופן האָט ער בערלען, יאָסלען
מיט אַ ווילדען אויסגעשריי.

העלף מיר יאָסעל, העלף מיר בערל
זע דער עלעפאַנט לויפט מיר נאָך,
זע דער לייב ער ברעכט די שטייגן
און דער שלאַנג, ער קריכט פון לאָך.

אוי זיי וועלן מיך צערייסן
גיב מיר יאָסעלע דיין גאַן,
פיף פאַף, פיף פאַף, זע נאָר יאָסל
אויסגעלייגט זיי וואָן ביי וואָן.

פון היינט וועלן אַלע קינדער
מער ניט פייטן זיך מיט מיר.
ציטערן וועלן זיי אַלע
פאַר מיין יעדן קער און ריר.

זע דער עלעפאַנט אויסגעצויגן
און דער שלאַנג אין גאַנצן טויט,
און דער לייב וועט אויך באַלד שטאַרבן
זע, ער איז צונויפגעדרייט.

משה׳לען וועל איך אויך ווייזן
כ׳וועל אים ווייזן וואָס איך קאָן,
בינג, באַנג, בינג, באַנג, נאַדיר משה׳ל
און געוואָרפן זיך אין ברען.

ביז דער דאָקטאָר איז געקומען
און קאָמפּרעסן אים געלייגט,
אויף זיין ברענענדיקן מח
און פון שוויץ ווי אויסגעווייקט.

קראַנק איז יאַנקעלע געוואָרן
ער פלעגט אומלויפן אין שניי,
פלעגט קיין מאַנטעלע נישט אָנטאָן
איז געוואָרן קראַנק אַזוי.

ווען ס׳איז נאָס צי קאַלט דער וועטער
מוזן קינדער אָנטאָן זיך,
סיי אַ סוועטער, סיי אַ מאַנטל
און אויך ראָבערס אויף די שיך.

ווען דאָס אַ פּאַרטי זיין

וויפיל זיינען מיר דאָ קינדער?
יעדער ברייננגט אַ זאַך,
יעדער גייט בעט דער מאַמען
ברייננגט וואָס מער אַ סך.

ביילקעלע, דו ברענג עפּעל פיר
חייקע, דו ברייננג צוויי,
מעקסעלע, דו ברייננג אָרענזשעס
יאָסעלע, ברייננג אַן איי.

דו, הערשעלע, ברענג קייק אַ סך
רייצעלע, ברענג אויך,
ווייל דיין מאַמע באַקט קיכעלאַך
זיסינקע און ווייך.

און ברענגט אויך קליינע לעפעלאַך
ברענגט נאָר וואָס איר קאָנט,
ברענגט אויך קענדי, ברענגט טשאָקאָלאַד
קומט מיט פולע הענט.

און איך וועל גיין און צוגרייטן
ווען דאָס אַ פּאַרטי זיין,
איך האָב אַ טיש און ביינקלאַך אויך
און אויסשטעלן אלץ פיין.

די מעשה מיט די היילן

זעצט זיך קינדערלאך דאָ אַרום איך וועל אייך דערציילן,
וואָס געטראָפן האָט אַמאָל אין אַ באַרג פון היילן.
ס'איז געווען אַ פינסטער נאַכט, הימל אָן אַ שטערן,
נאָר אַ קרעכץ פון ערגעץ טיף, פלעגט פון הייל זיך הערן.

איז אַ מאַן, אַ הענדלער־מאַן אין זיין וועג געגאַנגען,
און ער ווייסט ניט ווי אזוי איז אַהין פאַרגאַנגען.
ער פלעגט האַנדלען נאָר מיט פעל, קויפן בא די גויאים,
יעדער גוי האָט אים געקאָנט, ווער קאָן ניט אפרים ?

ער פלעגט טראָגן אַלעמאָל, מיט זיך מעסער פילע
גלייכע, גרויסע, שפיצן שאַרף, ווי זיין שותף הילע.
ווי ער איז אין הייל אַריין, איז אים קאַלט געוואָרן,
גיין צוריק האָט ער געוואָלט, ט'ער די וועג פאַרלאָרן.

שרעק איז אָנגעפאַלן אים, גאָט, אַ גאָט אין הימל.
און אין הייל איז נאָס געווען און געשמעקט האָט שימל.
רעטע מיך פון דאַנען גאָט, האָב אַ ווייב און קינדער,
אָן מיר, וואָס וועט זיין פון זיי, ווי אָן פאַסטוך רינדער.

אזוי גייט ער אָן אָן ענד, זוכט אַוועג, ארויסגאַנג,
און די הייל אים פלאָנטערט איין, אויף מיילן,מיילן־לאַנג.
פון גיין פיל און עסן ניט, איז ער שוואַך געוואָרן,
ביז ער איז געפאַלן מיד, אַנטשלאָפן געוואָרן.

און עס חלום'ט אים אַזוי, אַז ער שוועבט אין לופטן,
אויף אַ וואָלקן, ווייס און ווייך און מיט טויזענטער דופטן.

און מלאכים פליען אום, און מיט לאַנגע פייפלען,
פייפן זיי און רייצן זיך, רייצן זיך מיט טייפלען.

און פערדלאַך צוויי, ווייס ווי שניי, און פון גאָלד די—
טראָגן אים און ווייזן אים, פון דער וועלט די ים'ען.
און אַן אָדלער גרויס און שטאַרק, זיינע אויגן גליען,
און ער זעצט אויף אים זיך אויף, און זיי ביידע פליען.

ווי דער ווינט אַזוי געשווינד, איז ער פלינק געפלויגן,
הויך, הויך אַריבער בערג, האָט ער זיך געצויגן.
פּלוצלונג איז דער הימל רויט, פייער פלאַם געוואָרן,
און דער אָדלער גרויס און שטאַרק, פּלוצלונג קליין געוואָרן.

און גענומען פאַלן גיך צו דער ערד אַרונטער,
און די לופט געוואָרן איז היים פייער-פלאַם, רויט צינטער.
זיינע קליידער פון דער היץ איז אויף אים צעפאַלן,
פון דער זון געגאָסן האָט אַ רעגן פון שטראַלן.

און עס האָט געברענט אים שטאַרק, לייב און אַלע גלידער,
און ער איז געפאַלן ביז צו דער ערד אַ מידער.
יוען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער זיך דערשראָקן,
פאַר אים איז געשטאַנען דאָרט אַן אַלטינקע אין זאָקן.

איין זאָק רויט, איין זאָק שוואַרץ, און מיט לאַנגע שפּיצן,
און צוויי קעצלאַך שוואַרץ ווי קויל, אויף איר פּלייצע זיצן.
און אַ לעמפּל אין איר האַנט, מיט אַ שיין אַ ווייסן,
און צוויי ציינער שפּיציק לאַנג, ווי פאַר פליש צו רייסן.

און מיט פינגער לאַנג און דאַר, און מיט נעגל שפּיציק,
און אירע האָר ווייס ווי פלאַקס, און די אויגן בליציק.

און זי זאָגט צו אים אַזוי: געפּאַקט כ'האָב צולעצט דיך,
איצט וועל איך באַצאָלן דיר, אומזיסט נאָר דו בעטסט זיך.

וואָס האָב איך געטאָן אַזוי, וואָרום ווילסט מיר שלעכט טאָן?
ווייז מיר בעסער ווי ארויס, דאָס וועסטו בעסט טאָן.
לאַכט זיך אויס די אַלטינקע און די קעצלאַך מיוקען,
הערסט וואָס די קעצלאַך זאָגן, פלעגסט זיי מוטשען.

איך געמוטשעט קעצלאַך? האָב שוין פיר קינדער,
ווייז מיר בעסער ווי ארויס, כ'בין דאָ ווי אַ בלינדער.
ווען דו ביסט אַ קינד געווען, האָסטו זיי געמאַטערט,
און הינטלאַך האָסטו אויך עטלאַכע גע'פּטר'ט.

ביוטי, נעלי, קומט ארויס, איר וועט אים דערקענען?
וועלן זיי דערקענען דיך, וועל איך דיך פאַרברענען.
און זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויף דעם וואַנט דעם קאַלטן,
און די וואַנט אויף טיילן צוויי האָט זיך צעשפּאָלטן.

און אַ סטאַדע פול מיט הינט זיינען אָנגעקומען,
צו אים זיך אַלאָז געטאָן, בייסן אים גענומען.
יעדער האָט געביסן אים, שטיקער אים געריסן,
זיינע שמערצן קינדערלאַך, ווען איר זאָלט נאָר וויסן.

וואָלט איר הינט און קעצלאַך, ניט געוואגט צו שלאָגן,
ווייל די אַלטע קלייבט זיי אויף, ברייגגט אין הייל צו טראָגן.
און אין הייל איז היילן פיל, קלייניגקע און גרויסע,
היילן וואו מען לעבט און שטאַרבט, קאַלטע אויך און הייסע.

און די וועג אַרויס פון דאָרט, קיינער קאָן געפינען,
ווייל דער וועג פאַר'כישופט איז, אין כישוף איינגעוועבן.

און דעם שליסל האַלט זי פעסט, לאָזט אים פון דער האַנט ניט,
ווי דער שליסל דאָרט קוקט אוים, קיינעם איז באַקאַנט ניט.

ווער עס פאַלט אַהין אריין, קיינער גייט ארויסעט,
קיינער ווייסט ניט פון דער הייל, קיינער זאָגט ניט אויסעט.
האָט ער זיך דערמאָנט אַז ער, האָט מיט זיך פיל מעסער,
און די סטאַדע פון די הינט, ווערט אַלץ גרעסער, גרעסער.

האָט ער פון די מעסער זיינע איינס אַרויסגענומען,
האָט די אַלטע דאָס דערזען, מיט אַ שפרונג געקומען,
איז זי צו אים בעטן זיך, זאָל די הינט ניט שטעכן,
וועט זי אים באַפרייען דאַן, וועט אַ טיר אים ברעכן.

און די אַלע הינט און קעץ זיינען שטיל געבליבן ,
און זי האָט מיט איין באַפעל אַלעמען צוטריבן.
און זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט איר טרוקן דאַרער האַנט,
און צעגויפגערוקט האָבן זיךביידע העלפטן פון איין וואַנט.

דאַן האָט זי צו אים געזאָגט, הער זיך איין וואָס איך וויל,
וואָס געזען, וואָס געהערט דאָ, האַלטן מויל זאָלסטו שטיל.
און זי האָט אַ זאָג געטאָן, קום נאָר קום, גיי נאָך מיר,
דורך הונדערט הייל דאָ, וועל איך איצט באַפרייען דיר.

האַלט די אויגן דיינע צו, ווייל דער וועג איז בלוטיק רויט,
פּעך און שוועבל קאָכט זיך דאָ, און פּאַראויס לויפט טויט.

ווען ער איז ארויס פון הייל, פלעגט ער קינדער זאָגן:
ווער ס׳מאַטערט הינט און קעץ, ווערט אין הייל פאַרטראָגן.

ווי אַ פּרינץ האָט געהיילט אַ פּרינצעסין מיט ליבע

אונטער זיבן שלעסער הינטער זיבן טירן,
וואו געהיימע וועגן לאַבאָרינטן פירן,
אויף אַ הויכן טורעם און פאַרהאַקט מיט גראַטן
זיצט דאָרט די בת מלכה פון דעם קיניג באַדען.

ער האַלט זי פאַרשלאָסן זי זאָל נישט אַנטלויפן
מיט אַ פרעמדן חתן ניט פון זיינע הויפן.
ווייל דאָס איז אַ מנהג בא דעם קיניג באַדען
אַז די טאָכטער זיינע זאָל ניט זיין לאַנד פאַרלאָזן.

זיינע פרינצן מעגן הייראַטן מיט פרעמדע
אַנדערע מלוכות, אָבער ניט זיין טאָכטער.
איז איינמאָל געקומען פון אַ לאַנד אַ צווייטע
צו דעם קיניג באַדען אַ קיניג מיט זיין פרינץ.

האָט אין אים פאַרליבט זיך די פרינצעסן באַדען
און געוואָלט אַנטלויפן מיט'ן שיינעם פרינץ.
און ערפאַרן האָט דאָס פון דעם פלאַן געפלאַנטן
איינער פון די פרינצן וואָס האָט זי שטאַרק געליבט.

איז ער גלייך געלאָפן צו דעם קעניג באַדען
און האָט אים דערציילט אַלץ פון איר געפלאַנטן פלאַן.
האָט דער קעניג באַדען ריכטיק אויסגעפונען
אַז די זאַך איז אמת און איר דעם פלאַן צעשטערט.

און האָט גלייך באַפוילן צו זיין הויפּט מיניסטער
זי גלייך צו פאַרשפּאַרן אונטער זיבן שלעסער.
איז זי דאָרט געזעסן אונטער זיבן שלעסער
און האָט נישט געגעסן און שלאָפן נישט געקאָנט.

איז זי קראַנק געוואָרן אויף אַ קריינק אַ מאָדנע
און פלעגט שלאָפן, שלאָפן פילע טעג און נעכט.
און דאָקטוירים פלעגן אימער זי באַוואַכן
דורך די טעג און נעכט.

אַזוי איז פאַרגאַנגען וואָכן און מאָנאַטן
און די שיינע פּרינצעס האָט געדאַרפט באַלד שטאַרבן.
האָט דער קעניג באַדען צושיקט איבער לענדער
ווער ס'היילט אויס פּרינצעסין באַקומט זי פאַר אַ ווייב.

און דאָקטוירים פילע פון דעם גאַנצן לאַנד
האָבן זיך געמאָלדן היילן זי געוואָלט.
נאָר געווען אומזיסט איז, קיינער האָט געוואוסט
פון וואָס פּרינצעסין ליידעט און האָט געמוזט אַוועק.

איינמאָל איז געקומען צו דעם קעניגס טויער
אַ מאַן אַ גרויער אַלטער אָנגעטאָן אין שמאַטעס.
און האָט זיך געמאָלדן אַז ער קאָן אויסהיילן
די פּרינצעסין קראַנקע פון איר מאָדנער קריינק.

האָט מען אויסגעלאַכט זיך פון דעם אַלטן מאַן
אָנגעטאָן אין שמאַטעס אים ארויסגעיאָקט.
אָבער ס'האָט דער אַלטער ניט געוואָלט אַוועק
ווידער זיך געמאָלדן צו דעם קעניג גלייך.

האָט דער קעניג באַדען געהייסן ברענגען אים
קאָנסטו קראַנקע היילן? האָט קעניג אים געפרעגט.
אויב זי האָט נאָר לעבן אויב זי איז ניט טויט
איידער איך באַזוך זי מאַך איך זי געזונט.

האָט געזאָגט דער קעניג גוט: זאָל זיין ווי דו זאָגסט
און טאָמער וועט זי שטאַרבן, שטאַרבסטו דאַן מיט איר.
שטימסטו איין דו אַלטער האָט קעניג אים געפרעגט,
איך שטים איין געענטפערט האָט דער אַלטער אים.

איין זאַך וויל איך קעניג, מען זאָל טאָן וואָס איך הייס
היילן די בת מלכה מוז איך אין געהיים.
אַלע וועלן פאָלגן וואָס דו וועסט הייסן נאָר
כ'וועל דאָס גלייך באַפעלן פאָלגן זאָל מען דיך.

ברייינגט מיר זי אַרונטער באַם ברעג פון ים
אין אַ דונקל צימער ווייט פון מענטשן אויג.
ווען ער איז געבליבן מיט איר נאָר אַליין
האָט ער זי גערופן בא איר נאָמען שטיל.

ליבסטע מיינע, מיינע ליבסטע איך בין נעבן דיר
עפן דיינע אויגן טו אַ קוק אויף מיר.
צעשיידן געוואָלט אונז זיי האָבן געוואָלט
קוק אן מיך געליבטע, קוק אן מיך מיין גאָלד.

איך בין איבער ים'ען געקומען אַהער
אויב דו וועסט נאָר שטאַרבן איך שטאַרב אויך, דו הער.
אידבין ווי אַ בעטלער געקומען אַהער
פאַרשטעלט פון אַ מאַסקע פון קיינעם דערקענט.

ער האָט איר אַ קוש אויף די ליפן געטאָן
זי האָט אירע אויגן אן עפן געטאָן.
דאָס בין איך געליבטע דיין פרינץ קאַריוואַן
דערקענסט נישט מיין שטימע, מיין שיינע „קאַזאַן“.

אָט האָב איך דיין רינגל דיין אָנדענק צו מיר
קאַזאַן מיין געליבטע, איך שטיי נעבן דיר.

זי האָט אירע אויגן געעפנט באַטראַכט
ניט דו ביזט קאַראַוואַן, זיין שטים נאָכגעמאַכט.

אָט איז דאָך דער רינגל דיין פּרעזענט צו מיר
אָט נעם איך מיין מאַסקע אַראָפּ דאָ פאַר דיר.
און ווי זי דערזען האָט דעם פּרינץ קאַראַוואַן
געוויינט אַזש פאַר פרייד האָט פּרינצעסין קאַזאַן.

וואו קריינק און וואו שוואַכקייט ס'איז אַלעם אַוועק
געזונט איז געוואָרן פּרינצעסין קאַזאַן.
און פריילאַך געוואָרן איז אין לאַנד פון באַדאַן
ס'גייט חתונה האָבן פּרינצעסין קאַזאַן.

האָט איינמאָל גערופן דער קעניג צו זיך
דעם בעטלער דעם אַלטן צו ברייגגן אים גיך.
הער זיך איינעט אַלטער וואָס וואָלסטו פאַרלאַנגט
אז דו זאָלסט באַפרייען מיך פון מיין צוזאָג.

זי איז דאָך אַ יונגע דו ביזט אַזוי אַלט
זי וועט זיין ניט גליקלאַך דו ניט גליקלאַך אויך.
האָט געפרעגט דער אַלטער וויל זי דען מיך ניט
אויב זי וועט ניט וועלן לאָז איך אָפּ זי פריי.
האָט דער קעניג פריילאַך געקושט אים זיינע הענט
איך וועל דיר באַצאָלן העלפט פון גאָר מיין רייך.

ברייגגט אריין פּרינצעסן שיקט זי גלייך אַהער
זאָל מען זיך ניט איילן מיט איר חופּה שטעל.

איז פּרינצעסין קאַזאַן צו זיי גלייך אריין
פרעגט איר גלייך דער קעניג, ווילסטו דעם פאַר דיין מאַן?
ער איז דאָך מיין רעטער איך בין דאָך זיין פרייז
וואָסזשע פרעגסטו איצטער צי איך וויל אים איצט.

איז פאַרגאַפּט געבליבן דער קעניג שטיין אַזוי
האָט פאַרטיין געקאָנט ניט וואָס זיין טאָכטער רעדט.
ז׳איז געווים פאַר׳כישוף׳ט ער האָט זי דאָך פאַרבלענדט
וואָס רעדסטו קינד מיינס, ער איז עלטער דאָך פאַר מיר.

וואָס אַרט מיך דען זיין עלטער ער האָט געראַטעוועט מיך
ווען ער וואָלט מיך ניט רעטן טויטן וואָלסט אים אויך.
עס האָט גאָרניט געהאָלפן דעם קעניגס שטאַרקע רייד
געשטעלט אַ חופה האָט מען אין קעניגלאַכן הויף.

און ווען זיי זיינען ביידע נאָך דער חתונה נאַכט
אויף אַ שפּאַציר געגאַנגען פון היטער פיל באַוואַכט.
האָט ער די היטער זיינע געהייסן דרויסן שטיין
און פּלוצים זיך באַוויזן אי יונג אי צויבער שיין.

און ווען ער איז געקומען צום קעניג מיט זיין ווייב
האָט אים דער אַלטער קעניג פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.
צי איז ער אויך פאַרבלענדט ניט ווי וואונדערלאַך ווי שיין
ער רייבט זיך זיינע אויגן ער גלויבט זיך נישט אליין.

און ס׳האָט זיך אָפּגערופן די פּרינצעסין קאַזאַן
נו קעניג פאָטער מיינער געפעלט דיר איצט מיין מאַן.
און ס׳האָט דער אַלטער קעניג קיין איינציק וואָרט גערעדט
ער האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען צוריק נעמען צו שפּעט.

דאָך איז געווען צופרידן דער קעניג פון באַדאַן
אַזוי געלעבט האָט גליקלאַך פּרינצעסין מיט איר מאַן.
אַ דאָס איז גאָר די מעשה באַזונגען און דערציילט
ווי ס׳האָט אַ פּרינץ מיט ליבע אַ פּרינצעסין אויסגעהיילט.

מעשה פּורים

קינדערלאך פאָלגט נור אַ מאַמען
וועט איר קריגן המן טאש
וועט איר קריגן קאלאקאטקעס
און א גוטע זאַך אַ נאַש.
און איך וועל אייך איצט דערציילן
ווארום היינט איז פּורים.
זעצט זיך קינדער הערט זיך איינעט
פון אידישע יסורים.

אַמאָל איז געוועזן אַ קיניג,
אחשורש זיין נאָמען,
האָט ער געהאַט אַ מיניסטער
האָט ער געהייסן המן.
האָט ער פיינט געהאט די אידן,
אידן פארהאסט און פארשפּאָט.
בוקן האָבן זיי געמוזט זיך
און באַליידיגט זייער גאָט.

נאָר איינער האָט אים ניט געפאָלגט,
צו אים בוקן ניט געוואָלט.
מרדכי איז געווען זיין נאָמען,
האָט קיין ערע אים געצאָלט.
האָט דאָס המנ׳ען פאַרדראָסן,
איז צום קעניג ער אַוועק
מסורן דעם אידן מרדכי.
אידן זיינען שאַנד און פלעק.

קיניג, ברייננ אום אַלע אידן,
פאָלגן ניט וואָס דו באַפעלסט,
שפּאָטן אָפּ פון דיינע געטער,
טוען ניט וואָס דו באַפעלסט.
נאָר דער קעניג ניט געשלאָפן
נעכטן איז אַ גאַנצע נאַכט.
עפּעס האָט אים וואָס געשראָקן,
מורא שחורה אים געמאַכט.

פון די ביכער ט'ער ערפאַרן —
מרדכין קומט ער לאַנג אַ חוב.
און אַ חוב מוז מען באַצאָלן,
איבּ פאַרשפּעטיגט צאָל זשע טוב.
הער זיך איין מיניסטער מיינער,
ביזט דער קליגסטער אין מיין לאַנד.
איך וועל דיר אַן עצה פרעגן,
פאָלגן וועל איך דיין פאַרשטאַנד.

איך האָב ביי מיר אין הויף אַ פריינד,
מיין לעבן אים פארדאנקן,
און איך וויל אים שיין באַלוינען.
ראַט מיר וואָס זאָל כ'אים שענקען.
המן האָט פון זיך געהאלטן,
„קעניג מיינט אודאי אים" —
האָט ער זיך פאַרטאַכט אַ ווײַלע
און מיט זיכער אין זיין שטים:

יאָ, מיין קעניג, איך בין פאַרטיק.
איז ער דיר אַ גרויסער פריינט?
אים קען איך מיין לעבן דאנקען,
אים דאַנק איך מיין לעבן היינט.

זאָל דער קעניג הײמן שפּאַנען
פערד דעם בעסטן וואָס ער האָט,
און דער גרעסטער הויף מיניסטער
זאָל אים נאָך גײן טראָט בײ טראָט.

אַלע זאָלן פאַר אים בוקן,
יעדער אײנער אין דײן רײך.
ווער עס וועט דײן זאָג ניט פאָלגן,
הײנגען זאָל מען אים דאַן גלײך.
איך בין צופרידן מיט דײן ראָט,
ביזט דער קליגסטער אין מײן רײך.
דאָס איז וואונדערבאַר, דאָס איז שײן,
און דו טאקע טו דאָס גלײך.

גײ אין הויף בײ מיר א איד זיצט
און זײן נאָמען מרדכי איז.
טו אים אָן אין בגדי מלכות
און נעם מײן ווײסן פערד דעם ריז.
טו אים אן אין גאָלד, דימאנטן,
לײצעס זילבער טו אים אָן.
שטעל אַרויף אַ גאָלדן זײן שטול, —
זאָל ער זיצן אויף מײן טראָן!

פיר אים איבער אלע גאַסן,
זאָלן אַלע קענען אים,
ער דער רעטער פון דעם קעניג,
הײנט געזעץ זאָל זײן זײן שטים.
און ווי המן האָט דערהערט דאָס
וואָס דער קעניג האָט געזאָגט,
אי זער גיך אַ הײם געלאָפן,
פאַר זײן ווײב זיך אויסגעקלאָגט.

האָט זיין ווייב דעם קאָפּ געבויגן
און איר שטימע האָט געקלאָגט:
שלעכטער סימן מאַן מיין המן,
עפּעס שלעכטעס האַרץ מיין זאָגט.
אַזוי האָט דער רשע המן
פול מיט ביטערניש געקוקט
אויף דעם שטילן אַלטן מרדכין
און האָט זיך פאַר אים געבוקט.

און ביי מרדכין איז געוועזן
אַ שיין פּלימעניצע מיט חן,
אסתר האָט מען זי גערופן,
קלוג געראַטן אַ פּאַרשוין.
און דער קעניג אחשורש
האָט געהאַט אַ שיינע ווייב,
ושתי האָט מען זי גערופן.
ראַזיק קלאָר געוועזן איר לייב.

איין מאָל איז דער קעניג שיכור,
אָנגעטרונקען זיך מיט וויין,
האָט באפוילן זיינע דינער:
ברייננג צו מיר מיין ווייב אריין!
הויל און נאַקעט זאָל זי קומען
מיט א בלומען קראַנץ אין קאָפּ;
און א פּייקל רונד מיט בלומען
זינגען, טאַנצן צו דעם טראָפּ.

איז ביי ושתי אויפן שטערן
אויסגעוואַקסט א פּליישיק קריין,
האָט זי זיך געשעמט פאַר מענטשן,
ניט געוואָלט צום קעניג גיין.

און פאַר כעס האָט דער קעניג
טויט צו ושתי זיין באַפעל.
און א צווייטע מלכה זוכן
האָט ער אָנגעפאנגען שנעל.

וואו א פרוי אין לאנד א שיינע,
האָט געמוזט זיך מעלדן גלייך.
און די שענסטע פון זיי אַלע
אסתר שענער אין זיין רייך.
ליב האָט ער זי שטאַרק באַקומען,
אָנגעטאָן איר גלייך די קרוין.
אַלע פרויען אויסגעפוצטע
ט'מען געהייסן זיך צו גיין.

פריילאך איז אין לאַנד געוועזן.
שיכור יעדערער פון וויין.
אלע פלעגן זינגען, טאַנצן,
אלע פלעגן פריילאך זיין.
און די שטילע שיינע אסתר
מיט איר וואונדער צויבער חן,
יעדער האָט זי ליב באַקומען
אין דעם לאַנד, סיי גרויס סיי קליין.

און דער המן האָט גערוט ניט,
אידנס צרור גרעסטער פיינט.
האָט פארגעסן מרדכים נעכטן,
מסרן גענומען היינט.
און דער קעניג ניט קיין קלוגער,
און דער המן צו פיל קלוג,
ווידער מסרן גענומען,
חוצפה ט'ער געהאַט גענוג.

און אַזוי גערעדט, גע'טענה'ט
האָט ער טעג און וואָכן לאַנג,
ביז ער האָט דעם דומען קעניג
פעסט געהאַלטן אין זיין פאַנג.
אומצוברענגען אַלע אידן,
אַלע אידן פון זיין לאַנד,
האָט דער קעניג זיך גע'חתמ'עט
מיט זיין שטעמפּל, מיט זיין האַנט.

האָבן אידן קלאָגן, וויינען,
זוכן עצות וואָס צו טאָן.
גאָט געבעטן, טעג געפאַסטען,
איינע העלפן, איינע קאָן.
איז מען צו מרדכין געגאַנגען
ער זאָל צו אסתר'ן גיין
זי זאָל דעם קעניג גיין בעטן,
גיין צו דעם קעניג אליין.

איז אסתר צום קעניג געגאַנגען,
האָט זיך געשטעלט ביי זיין טיר.
דער קעניג, ער האָט זי דערזען,
גרוים איז זיין ליבע צו איר.
געליבטע וואָס קומסטו פארלאנגען,
קיין זאַך איז ניט טייער פאר דיר.
העלפט פון מיין גאַנצן פאַרמעגן
ווען דו פאַרלאַנגסט נור פון מיר

קיינע מתנות, מיין קעניג,
וויל איך זאָלסטו מיר געבן.
בין דיר געקומען איצט בעטן
שענקען זאָלסט מיר מיין לעבן.

שלעכט טאָן ווער וויל דיר מיין ליבסטע,
טויט פאַר א שלעכט וואָרט פאַר דיר!
נאַדיר מיין שטעקן מיין שיינהייט,
זעץ זיך אָ דאָ נעבן מיר.

קעניג, איך שטאַם אָפּ פון אידן.
מיין פעטער מרדכי דיין פריינט
האָט דיך פון טויט אויך געראַטעוועט,
האָט דיר אנטדעקט דיינע פיינט.
זאַק אויף זיין קאָפּ טראָגט ער איצטער
אַש און מיט בלאָטע אויף זיך.
ווייסטו די אידן אומברייינגען
ברייינגסטו דאַן אום אויכעט מיך.

ווער האָט געגעבן באַפעלן,
ווער האָט געוואגט דאָס צו טאָן,
ווער האָט פאַרטרונקען מיין ווילן,
שאַנדע צו מאַכן מיין טראָן?!
קעניג, דו האָסט א מיניסטער,
באַפעלט דיר, הייסט וואָס צו טאָן,
ער איז א פיינט פון די אידן
ער איז א פיינט פון דיין טראָן.

המן זיין נאָמען איז, קעניג.
קעניג וויל ער זיין אליין.
ברייינגט דיר באַפעלן, שרייבסט אונטער,
טוט וואָס ער וויל נור אליין.
פאַלש איז ער דיר אָט דער המן,
נאַרט פון דיר אויס וואָס ער וויל.
דו ביזט דער קעניג דער הערשער,
ער נאַרט פון דיר אויס ס'ער וויל.

צוקאָכט איז דער קעניג געוואָרן,
פאַרשעמט פאר אסתר זיין ווייב.
זאָג מיר מיין קלוגע צו טאָן וואָס ?
דעם ערשטן המן פארטרייב !
המן געהאנגען זאָל ווערן !
די קינדער זיינע מיט אים !
ווילד האָט דער קעניג געשריען,
מיט כעס געדונערט זיין שטים.

איד זאָל געניסן פון פרייהייט,
שלעכט זאָל קיין איד ניט געשען.
פרייהייט דער איד זאָל געניסן
ווי אים געפעלט ווי ער קען.
אַזוי ט׳דער קעניג באפוילן,
צושיקט פון הדו ביז קוש.
אזוי ווערט דערציילט די מגילה
אסתר, פון אסתר דער זכות.

פורים דערפאַר האַלטן אידן
און מען שיקט זיך מתנות.
המן הרשע ליגט אין דר׳ערד איצט
נאָט אייך קינדער שלח מנות.

ענגליש אידישע ווערטער בלאַט פאַר די ענגלישע ווערטער פון דעם בוך

קעיק	טאָרט, לעקאַך
בוירטדעי	געבורטסטאָג
אַ רידער	אַ לער ביכל
ספּעלן	אויסלייגן
באָל	אַ פּילקע
מון	די לבנה
טיטשער	אַ לערער
פּאַרק	גאָרטן
דאלי	אַ קוקלע
יאַרד	אַ הויף
סטאַפּ	הער־אויף
בערים	יאַגאָדעס
פּאַי	פלאָדן, סטרודל
פּעי	באַצאָלט, פאַרדינסט
פיבער	היץ
בייבי	אַ קינד
אַ פּאַרטי	אַ סעודה
רענט	דירה געלט
נאָ מאָר	מער ניט
ע־ראָפּלאַן	פּליִ־מאַשין
סקול	שולע
קענדי	צוקערקעס, זיסע זאכן
מופען	ארויסקלייבן
לאלי פּאַפּ	צוקערקע
פּליעז	זייט אזוי גוט
פייטען	שלאָגן זיך
גאָן	אַ ביקס
דרעסעס	קליידער
ארענדזשעס	ציטראָנען
קאנטרי	דאַטשע
עקסערסייז	גימנאַסטיק
פּיקל	זויערע אוגערקעס
פוסי קעט	אַ קאַץ
סוטעלע	גאַרניטורל
אַ פּיים	אָ פּנים
טולס	געצייג

אינהאַלט

זאַכן, חיות און פויגל

אַנשטאט א פאַרעדע — 5
באַ אונז — 6
אַ קעצעלע — 8
מיין הינטל — 9
שלאָף מיין דאלי — 10
געקויפט האָט מיין אָנקל — 12
זינגסטו פויגעלע פאר מיר — 13
קומט נאָר קינדער — 15
עי פוסי פוסי קעט — 16
ווי ס'וועדט האָניק — 17
ווי מען מאַכט ברויט — 17
ווי מען בויט און ווי מען האלט א הויז — 18
ווי מען מאַכט וואָלענע קליידער — 19
ענטעלאַך און הון — 20

עלטערן, לערער און קינדער

בעסטע פריינד — 25
וועסטו זיין א גוטע מיידל — 26
ניט ווי אַלע מיידלאַך — 27
מיין בייבי שוועסטער — 28
חיה'לען — 29
ווארום וויינסטו מאַמע אימער — 30
מאַמע — 33
קינד און מוטער — 34
ווען מיין פאַפּאַ — 35
פאַפּאַ האָט מיר צוגעזאָגט — 36
וועל זיין א דאָקטאָר — 37
זאָג מיר — 38
פאַפּאַ איז א בייזער — 39
דוד'לען — 40
מיסטער — 40
מיין פאַפּאַ — 41
ווארום — 41
אַ פייטער — 42
צען געבאָט פאַר קינדער — 42
וועסטו פאָלגן מיר — 44
ווינטער — 45
גאָלדענע פישעלאַך — 45
די לבנה — 46

אויפ'ן דאָרף

מיר פאָרן אין קאַנטרי — 49

אין קאונטרי — 50

מאַנצן מיר אין בעט — 51

נעבטן — 52

נאָ־מאָר — 53

הוריי — 54

אין קאַנטרי לעבט גאָט — 55

איך ווייס ניט וואָס דאָס איז 56

פאַרשידענעס

גאָט זעט אַלעס — 59

לעבן בוימער אייביק — 60

קינדער מוזן פאָלגן — 61

עני'ם חלום — 62

באָלשעוויקעס — 64

די פיש — 65

זיידע, ביזט א מערדער — 66

אין האָמליע — 66

מיין בוירטדעי — 68

באָבעס — 69

פלי איך ווי א טויב — 69

וואָס א פאָטאָגראַפער טוט — 70

אבי איך האָב געמיינט — 70

פּאָפּאַ וויל פארקויפן — 71

ווען גאָט וויינט גיסט א רעגן — 72

די ערד — 72

עס רעגנט — 73

ווען יאַנקל איז קראַנק געווען 74

וועט דאָס א פּאַרטי זיין — 76

די מעשה מיט די היילן — 77

ווי א פּרינץ האָט געהיילט א פּרינצעסין מיט ליבע — 81

מעשה פּורים — 86

ענגליש אידישע ווערטער פון דעם בוך — 94